# א מעשה'לע

גליון כ"ד

פרשת כי תבוא תשפ"ו

וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## גוּטֶע
## עַקְשָׁנוּת

קִינְדֶער צִי וֵוייסְט אִיר אוֹיבּ זַיין אַן עַקְשָׁן אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ אָדֶער אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: "עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אוֹיף וָואס מֶען עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ; אוֹיבּ אִיז דָאס אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח) וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דַארְף מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אֲפִילוּ מֶען הָאט מְנִיעוֹת, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַנְדֶערֶע זַאכְן - דָארְט אִיז עַקְשָׁנוּת נִישְׁט גוּט".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶע'עַקְשְׁנְ'ט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תל), דֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט זָאגְן זַיין מֵיינוּנְג אוּן וַוייטֶער הָאט עֶר זִיךְ גֶעלָאזְט פִּירְן וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אָבֶער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶע'עַקְשְׁנְ'ט בִּיז עֶר הָאט דָאס אוֹיסְגֶעפִּירְט.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד פוּן פִינְף יָאר אַלְט הָאט עֶר שׁוֹין גֶעוָואלְט זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דֶער



אִיךְ מוּז מִיטְגֵיין!

רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין דִי הוֹיז פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פֵּיְגָא - דִי מַאמֶע פוּן רֶבִּי'ן - הָאט בַּאקוּמֶען דִי הוֹיז פוּן אִיר מַאמֶע, דִי גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אָדְל, וָואס זִי הָאט גֶע'יַרְשְׁ'נְט דָאס הוֹיז פוּן אִיר טַאטֶע, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב; דָארְט אִין שְׁטוּבּ פְלֶעגְן קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, זֵיי פְלֶעגְן רֶעדְן פוּן הֵיילִיגֶע זַאכְן אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ צוּהֶערְן.

אֵיינְמָאל הֶערְט דֶער רֶבִּי וִוי דִי צַדִיקִים שְׁמוּעֶסְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי גֵייעֶן פָארְן צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער בַּעַל תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן: "אִיךְ וִויל אוֹיךְ מִיט פָארְן, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זֶען דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק"; אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים קוּקְן אוֹיפְ'ן קְלֵיינֶעם נַחְמָן אוּן זָאגְן: "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט קוּמֶען, דוּ בִּיסְט נָאךְ אַ קְלֵיין קִינְד פוּן פִינְף יָאר, דִי וֶועג אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע, מֶען קֶען דִיר נִישְׁט מִיט נֶעמֶען".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוְוּיסְט אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם דַארְף מֶען זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן, הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיינֶע פִּיס אִינֶעם רֶעדְל פוּנֶעם וָואגְן, דֶער בַּעַל עֲגָלָה קוּקְט וִוי דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן לִיגְט מִיט זַיינֶע פִּיס אִין רֶעדְל, עֶר שְׁרֵייט: "אִינְגְל, שְׁטֶעל זִיךְ אוֹיף! לָאז דֶעם וָואגְן פָארְן"! דֶער רֶבִּי מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג, עֶר וִויל אוֹיךְ זֶען דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק, דֶער תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף.

אוֹיפְ'ן וָואגְן אִיז גֶעזִיצְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, רֶבִּי חַיִים קְרַאסְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי עֶס בְּרֶענְט אִין דֶעם אִינְגְל עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁלֶעפּ אַרַיין אִין וָואגְן, עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ הִיטְן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן. שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ דַאנְק דֶעם צַדִיק רֶבִּי חַיִים קְרַאסְנֶער פַארְ'ן מִיר מִיט נֶעמֶען צוּם הֵיילִיגְן תּוֹלְדוֹת, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט דִי זְכִיָה צוּ קֶענֶען זֶען אֵיינְמָאל אִין מַיין לֶעבְּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, יֶעצְט פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר שׁוֹין וָואס עַקְשָׁנוּת אִיז; עֶס קֶען זַיין זֵייעֶר אַ גוּטֶע מִדָה אוּן עֶס קֶען זַיין זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָה. וֶוען דִי טַאטֶע מַאמֶע זָאגְן וָואס צוּ טוּן - דֶעמָאלְט פָאלְגְט מֶען אֲפִילוּ מֶען וִויל אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן טוּן גוּטֶע זַאכְן - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן.

צו הערן די מעשה פארציילט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א - 212.444.9191 1-5-2-1

# ספר המידות

## דֶּרֶךְ - חלק א׳

ח. כְּשֶׁתֵּלֵךְ בַּדֶּרֶךְ, תִּתֵּן קֹדֶם לִצְדָקָה.

ח. וֶוען דו גֵייסְט אִין וֶועג, זָאלְסְטוּ קוֹדֶם גֶעבְּן צְדָקָה.



קול ברסלב

212.444.9191

845.351.0910

צו באקומען דעם גליון רופט קרן הדפסה היכל הקודש: 718.387.2691